# LIVING TORAH

# פרשת מטות-מסעי

**בס"ד. משיחת כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ה**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

מ'האָט דאָך פריער גערעדט, אַז צום אַלעם ערשטן איז דאָס, אַז מ'זאָל זיין אַ **חי**, און ווי מ'זעט דאָך אויך בכל יום ויום, איז די **התחלת** היום איז, אַז מ'זאָגט "מודה אני לפניך מלך **חי** וקיים", און ווען זאָגט ער דאָס – "כשניעור משנתו", און אַז ער כאַפּט זיך, אַז ער איז לעבעדיק – "שהחזרת בי נשמתי", און דערנאָך גייט אַוועק די עבודת כל היום כולו.

וואָס אין חיות גופא איז דאָך דאָ כמה וכמה דרגות: ס'איז דאָך אינו דומה דער חיות מיט די לעבעדיקייט ווי ס'איז דאָ ביי אַ תינוק בן יומו, אָדער ווי ס'איז דאָ ביי אַ בן עשרים לכח, ועל דרך זה (אין די דרגות שבינתיים אָדער) אין די שנים שבינתיים אָדער אין די שנים שלאחרי זה.

און ווי מ'זעט בפשטות, איז אויך ווען זעט זיך אָן אַ חיים מיט עפּעס וואָס אַ תוכן, און ווען הויבט זיך דאָס אָן בעיקר – הויבט זיך דאָס אָן משהתינוק מתחיל לדבר, על אחת כמה וכמה – ווען הגיע לחינוך.

און ווי מ'זעט דאָך אויך בפועל, אַז אף על פי וואָס אַ סימן פון חיות איז, אַז דאָס **וואַקסט**; ווי מ'זעט דער שינוי משנה לשנה ווי ס'איז דאָ אין אַ קינד, איז דאָס בעיקר ניכר ניט צווישן ווען ער איז דרייצן יאָר און פערצן יאָר, אָדער צוועלף יאָר און דרייצן יאָר ביי אַ מיידעלע – נאָר ס'איז מערער ניכר אין די יאָרן שלפני זה, וואָס אָט דעמאָלט איז דער שינוי אין זייער גידול בגוף משנה לשנה איז מערער ניכר, וואָס דאָס באַווייזט אַז דער **חיות** איז מערער ניכר אין די שנים שלפני זה. ווי מ'זעט דאָס בפשטות בעיני בשר. ס'איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז דער גוף איז פאַרבונדן מיטן גידול הנשמה, איז דערפון אויך פאַרשטאַנדיק, בהנוגע צו גידול הנשמה – על כל פנים בתקופה זו.

וואָס דערפאַר איז דאָך אויך דער זמן המתאים:

וויבאַלד אַז דאָ געפינען זיך כמה וכמה פון בני הנוער, וואָס זיי זיינען נאָך פאַר בר-מצוה, און וואָס זיי האָבן (פאַרבראַכט זייער) אויסגענוצט דעם זמן החופש, מצד דעם מנהג **משונה** וואָס ס'איז דאָ בתי-ספר אָדער תלמוד-תורה'ס אָדער מחלקות – כיתות – אין ישיבה וואָס זיי אַרבעטן ניט אין דעם גאַנצן שטורעם בימי הקיץ –

זיינען זיי געפאָרן אין מחנה קיץ, וואָס דאָרטן האָבן זיי זיך אָנגעזאַפּט מיט תורת חיים, און מיט הכנה און חינוך צו מצוותי' וואָס אויף זיי זאָגט מען "וחי בהם",



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מטות-מסעי

וואָס אָט דער חינוך ווערט די הכנה מתאימה, און וואָס מערער ס׳קומט-צו (אין חינוך) אין "חנוך לנער" – קומט אַלץ מערער צו אין "גם כי יזקין", אַז מ׳זאָל זיי אויך מכבד זיין – אָט די וואָס געפינען זיך דאָ, און זיי זאָלן אויך ווערן שלוחים צו זייערע חברים, אָדער די מיידעלעך צו זייערע חבר׳טעס אין די מחנה קיץ שלהן, אַז מ׳זאל וויסן זיין, אַז יעדער איד דאַרף זיין אַ חי, וואָס דער ערשטער סימן פון חיות איז – אַן ענין של מרץ, אַז "אין לו מנוחה" – ער קען ניט איינרוען.

און ווי מ׳זעט דאָס אויך בפשטות, אַז אַ קינד איז בטבע קען ניט רוען.

– אַן ערוואַקסענער מענטש, פאַרקערט, איז גאָר דאָ זמנים וואָס ער זוכט געלעגנהייטן וואָס זאָל יאָ זיין מנוחה; אַ קינד בטבע, גלייך ווי ער ווערט געבאָרן – הויבט ער גלייך אָן מנענע זיין בידיו וברגליו,

ועל דרך זה גייט דאָס אויך דערנאָך ווען הגיע לחינוך – האַלט ער אין איין רעדן און פרעגן שאלות, האַלט זיך אין איין באַוועגן און ניט קענען רוען אויף אַן אָרט, און איז מבלבל די עלטערן מיט די מדריכים זיי זאָלן אים ענטפערן אויף די שאלות און זיי זאָלן געפינען פאַר אים מיט וואָס ער זאָל זיין עסוק וכו׳, וואָרום ניט זיין עסוק – איז דאָס היפך הטבע פון אַ קינד.

און מחנכים דאַרפן זיך משתדל זיין אויף זיי מחנך-זיין, אַז זיי זאָלן זיין עסוק אין אַ דבר הטוב ומועיל ויפה, און דורך דערויף קומט באַ זיי אויך צו "מאיר עיני שניהם הוי׳", אַז אויב אפילו מצד עצמם וואָלטן זיי געזוכט אַ געלעגנהייט אויף אָפּרוען זיך – לאָזן זיי ניט די קינדער רוען, און זיי טורקען זיי און מאָנען באַ זיי, זיי זאָלן גיין "מחיל אל חיל".

און אַזוי ווי דאָס רעדט זיך וועגן אַ התוועדות – זאָל יעדערע פון זיי אויך זאָגן "לחיים", און דערנאָך זאָלן זיי אַלע צוזאַמען זינגען אַ ניגון של שמחה,

און דאָס זאָל זיין אַ התחלה טובה, אפילו אַז מ׳איז שוין אַרויס פון קעמפּ, איז בשעת מ׳וועט קומען דערנאָך יעדערער צו זיך אַהיים, וואָס בשעת ער גייט פון דער היים אין בית-הכנסת אָדער אין תלמוד-תורה, גייט ער דאָך דורך אַ גאַס און אַ רשות-הרבים, וואָס ווער ווייס וואָס פאַראַ ווינטן ס׳בלאָזן דאָרטן –

זאָל ניט נאָר אַז דאָס זאָל ניט האָבן קיין השפעה אויף אים חס ושלום, נאָר אדרבא – ער איז מהפך דעם רשות-הרבים, אַז דאָס זאָל ווערן "רשות-היחיד", יחידו של עולם.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.